# <u>פרשת ויקהל-פקודי י"ז – כ"ג אדר תשע"ה לפ"ק</u>

***<u>יום ראשון פרשת ויקהל - פקודי</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **אשר** נ"ו בן הר"ר **אברהם אויש** הי"ו (וומסב"ג). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה ע"י הר"ר **שמשון פשערהאפער** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל הרה"ג רבי **פישל לעווי** שליט"א, מנהל דישיבתנו הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הר"ר **מענדל מיללער** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **דוד צבי זעלקאוויטש** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם ויזניץ (ב"פ). **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח סימן תע"ט, דיני ברכת המזון בליל פסח על כוס שלישי). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**עס** שטייט אין רמ"א (או"ח תרצה-ב) אז דער מנהג איז אז מען עסט זרעונים אין פורים, ווייל דניאל האט געגעסן זרעונים. און די מפרשים פלאגען זיך, וואו קומט אהער דניאל אין פורים. עס קען זיין, אז דניאל האט א שייכות מיט די ענין פון פורים, מיט דריי זאכען. איינס, עס שטייט אין תוספות (מגילה יב:) אז דניאל איז געווען ממוכן, וואס האט געזאגט, לא על המלך לבדו עותה ושתי המלכה, כי על כל השרים, און מען זאל ארויסשיקן בריוון, להיות כל איש שורר בביתו (אסתר א-טז).

**די** אגרות ראשונות וואס איז ארויסגעגאנגען, איז געווען א חלק פונעם נס. ווייל די גמרא (שם) זאגט, אלמלא אגרות ראשונות, וואלט נישט איבערגעבליבען א שריד ופליט פון כלל ישראל. און רש"י טייטשט, אז ווען עס איז אנגעקומען די ערשטע אגרות, אז יעדער מאן זאל זיין דער בעל הבית אין שטוב, איז ער הוחזק לשוטה בכל העולם. יעדער האט אים אנגעקוקט, אז ער איז באוירט געווארן פון זיין שכל. ער שיקט ארויס א בריוו, אז יעדער זאל זיין דער בעל הבית ביי זיך אין שטוב?! יעדער ווייסט, אז אפילו דער פשוט'סטער מענטש איז דער מושל ביי זיך אינדערהיים. האט מען געזאגט, אז עפעס איז נישט אין ארדענונג מיט אחשורוש, און ווען עס איז שפעטער געקומען די צווייטע בריוו, אז מען זאל הרג'ענען יודען, האט מען זיך נישט געאיילט אויסצופירן וואס עס שטייט, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז דער קעניג איז נישט סטאביל, און ווער ווייסט וואס עס וועט נאכקומען נאכדעם. אבער טאמער עס וואלט נישט ארויס די ערשטע בריוו, און זיי וואלטן באקומען נאר דעם צווייטען בריוו פון להשמיד ולהרוג ולאבד, וואלט מען נישט אויסגעווארט ביז אדר, נאר ווען זיי וואלטן געזעהן אזביים מלך איז הפקר יודיש בלוט, וואלטן זיי תיכף אנגעהויבן צו הרג'ענען. קומט אויס, אז דניאל וואס ער האט ארויסגעשיקט די אגרות הראשונות, איז געווען א חלק פון דעם נס.

**א** צווייטע גמרא איז דא (בבא בתרא ד.), אז התך וואס איז געווען דער שליח צווישן מרדכי און אסתר, איז געווען דניאל. און תוספות (שם) ברענגט צו, אז מען געפונט נישט שפעטער אז התך איז צוריק געקומען פירן ווייטער די שמועס צווישן מרדכי און אסתר, ווייל ווען המן האט געזען, אז דניאל דרייט זיך ארום צווישן מרדכי און אסתר, האט ער פארשטאנען אז עס איז נישט א טובה פאר אים, איז געגאנגען המן און ער האט גע'הרג'עט דניאל. - האט דניאל דריי שייכות'ן איז די מגילה. ער האט ארויסגעשיקט דעם ערשטען בריוו. און ער איז געווען התך, וואס האט געטראגען די שליחות פון מרדכי צו אסתר. און דניאל איז נהרג געווארן מכח די פרשה אין די מגילה.

**פארוואס** איז זיך געקומען פאר דניאל אז ער זאל נענש ווערן מיט מיתה. שטייט דארט אין די גמרא, ווייל עס שטייט אין פסוק (דניאל ד) אז נבוכדנאצר האט געהאט א חלום וואס מען האט אים געוויזען פון הימל אז מען גייט אים מעניש זיין, און דניאל האט אים געגעבן א עצה, אז אויב ער וויל נישט אז עס זאל תיכף מקוים ווערן, וואס מען האט אים געוויזען אינעם חלום, זאל ער צוטיילען געלט פאר צדקה, און מיט דעם וועט ער מכפר זיין דעם עון וואס ער האט געטאן. און נבוכדנאצר האט אים געפאלגט, און דאס האט אפגעשטופט די גזר דין פון נבוכדנאצר אויף איין יאר.

**רש"י** דארט אויפן פלאץ ברענגט צו, ווי קומט עס אז דניאל זאל געבן אן עצה פאר נבוכדנאצר, אז ער זאל זיך קענען ארויסדרייען פון זיין עונש. מען זאל עס אנקוקען היינט, ווי דער אייבערשטער זאגט פאר היטלער ימח שמו וכדומה, אז עס גייט קומען א עונש אויף וואס ער האט געטון, און מען גייט אים געבן אן עצה, אז מען זאל אפשטופען זיין עונש. נבוכדנאצר האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און גע'הרג'עט טויזענטער יודען, קומט דניאל און ער געבט אים אזא עצה? זאגט רש"י, אז יודען זענען געווען אויף גרויסע צרות, מען איז געקומען אין גלות, מען האט זיך ארומגעדרייט אין בבל, מען איז געווען ארים, און מען האט נישט געהאט וואס צו עסן, האט דניאל רחמנות געהאט אויף יודישע קינדער, האט ער געזאגט פאר נבוכדנאצר, איך בעהט דיך, יודען דרייען זיך ארום, און זיי האבן נישט וואס צו עסן, מיט די צדקה וואס דו וועסט זיי געבן, קענסטו אויסלייזען דיין עונש. האט ער געעפענט אלע זיינע אוצרות, און יודען האבן געהאט ברייט צו לעבן אויף דעם יאר, און דאס האט צוריקגעהאלטן פון אים די גזר דין.

**קומט** אויס, אז דניאל האט געטון אן עבירה, אבער עס איז געווען אן עבירה לשמה. און דניאל איז גע'הרג'עט געווארן, ווייל סוף כל סוף האט ער ארויסגעזאגט פאר נבוכדנאצר א וועג, ווי אזוי ער קען זיך ארויסדרייען פון זיין עונש, איז ער נענש געווארן. ווען איז ער נענש געווארן? דא ביי די פרשה פון פורים. פארוואס? ווייל ווען המן איז געקומען זאגען פאר אחשורוש, אז מען זאל הרג'ענען די יודען, האט ער געזאגט, ועשרת אלפים ככר כסף אשקול על ידי עושי המלאכה, להביא אל גנזי המלך (אסתר ג-ט). איך געב דיר עשרת אלפים ככר כסף. וואס איז די עשרת אלפים ככר כסף, זאגט דער **עיון יעקב**, אז ער האט אים געזאגט, איך געב דיר צען טויזנט גילדען צו טיילן פאר צדקה. וואס איז אים איינגעפאלען יעצט צו געבן צדקה? איז ער דען געווארן א בעל צדקה, אז ער געבט פאר אחשורוש צען טויזנט גילדן אז ער זאל עס צוטיילן פאר צדקה?

**נאר** די גמרא (מגילה יג:) זאגט, אז ווען המן איז געקומען צו אחשורוש, אז ער זאל הרג'ענען יודען, האט אחשורוש געזאגט, איך האב מורא אנצוהייבען מיט זיי, ווייל ווער עס טשעפעט מיט יודען וועט זיך דער אייבערשטער נאכדעם אפרעכענען מיט אים. האט אים המן געזאגט, 'ישנו', ישנים מן המצוות. האט אחשורוש געזאגט, אבער עס איז דא צווישן זיי תלמידי חכמים, וואס וועלן בעטן רחמים, און דער אייבערשטער וועט צוהערן וואס זיי זאגען. האט המן געזאגט, 'עם אחד', עס איז נישט קיין חילוק צווישן זיי, אלע זענען די זעלבע. קומט אויס, אז אחשורוש האט מורא געהאט ארויסצוגעבן די גזירה, ווייל ער וועט נענש ווערן דערויף. האט אים המן געזאגט, איך האב אן עצה דערויף, מען קען זיך אויסלייזען מיט צדקה. איך געב דיר צען טויזנט גילדען פאר צדקה, און מיט די צדקה וועסטו אויסלייזען דיינע עונות.

**פון** ווי איז המן געווען אזוי קלוג, צו וויסן אז ווען מען געבט צדקה ווערט מען אויסגעלייזט פונעם עונש? פון דניאל. ווייל דניאל האט געגעבן די עצה פאר נבוכדנאצר, און ער האט געזען אז עס האט געהאלפן ביי נבוכדנאצר, האט ער געוואוסט אז ווען מען געבט צדקה ווערט מען ניצול, אז עס זאל נישט קומען קיין שלעכטס. קומט אויס, אז ווער האט גורם געווען אז המן האט אנגעטראגען די גזירה פאר אחשורוש, און אחשורוש זאל עס מקבל זיין? די עשרת אלפים ככר כסף, וואס המן האט געגעבן פאר אחשורוש, ער זאל געבן פאר צדקה, און די עצה האט ער גענומען פון דניאל. וועגן דעם האט דניאל יעצט באקומען זיין עונש, און ער איז גע'הרג'עט געווארן, וועגן די עצה וואס ער האט

דעמאלטס געגעבן פאר נבוכדנאצר, אז ער זאל זיך קענען אויסלייזען מיט צדקה. - וועגען דעם עסט מען זרעונים, א זכר צו דניאל, ווייל דניאל האט געהאט א שייכות מיט דעם נס פון פורים.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אברהם אויש** הי"ו, שהתקיים באולם מארקיז, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**אין** די פרשה די וואך, האט משה רבינו צוזאמגענומען יודען, און ער האט זיי איבערגעגעבן די מצוה פון נדבת המשכן. און די תורה פארציילט אז יודען האבן זיך מזרז געווען, און ביז צווי טאג האט מען געברענגט אלעס וואס האט אויסגעפעלט פאר די נדבות המשכן. והנשאם הביאו את אבני השהם ואת אבני המילואים לאפוד ולחושן (שמות לה-כז), די נשיאים האבן געברענגט די אבני שוהם מיט די אבני מילואים. און רש"י זאגט, אז הנשאם איז חסר יו"ד, ווייל עס האט געפעלט אין די נדבה פון די נשיאים, ווייל זיי האבן געלאזט זייער נדבה פאר די לעצטע. זיי האבן געטראכט, קודם זאלן די יודען מנדב זיין אלעס וואס עס פעלט אויס, און וואס עס וועט איבערבלייבן, וועלן זיי ברענגען פאר די נדבת המשכן. און ביז דערוויל האבן יודען אלעס צוגעגרייט, און עס איז נישט געווען וואס זיי זאלן ברענגען. און ווייל זיי האבן זיך מתעצל געווען צו ברענגען זייער נדבה, וועגן דעם איז דאס ווארט נשיאים חסר יו"ד.

**עס** קען זיין נאך א כוונה דערין, עס שטייט אין די גמרא (יומא עה.) אז נשיאים איז אויך א לשון פון עננים, וואלקענעס ווערן אנגערופן נשיאים, נשיאים וגשם ורוח אין (משלי כה-יד). די אבני שוהם און אבני מילואים איז נישט געווען צו באקומען אינעם מדבר, זענען געקומען וואלקענעס, און געברענגט די שטיינער, און זיי האבן עס אראפגעלייגט ביי די טיר פון די נשיאים, און די נשיאים האבן עס געברענגט.

**עס** שטייט אין זוהר הק' (ח"ב קכח.), אז א מצוה וואס קומט אן פאר א מענטש גרינג, עס קאסט אים נישט קיין געלט, האט נישט א חשיבות. די חשיבות פון א מצוה איז, אז א מענטש געבט אויס געלט פאר א מצוה. ער האט אריינגעלייגט אסאך כח ביז ער האט פארשאפט דאס געלט, און נאכדעם געבט ער עס אוועק פארן אייבערשטען'ס וועגן, אויף דעם איז שורה א רוח קדושה.

**אמת** אז די אבני שוהם און די אבני מילואים זענען געווען זייער טייערע שטיינער, אבער אז די וואלקענעס האבן עס געברענגט, און עס אראפגעלייגט ביי די טיר פון די נשיאים, און זיי האבן עס נאר צוגעברענגט צו משה רבינו, און עס האט זיי נישט געקאסט קיין געלט און כח עס צו געבן פאר די נדבת המשכן, איז הנשיאים חסר יו"ד, עס פעלט אין די הבאה פון די נשיאים. ווייל אזוי ווי זיי האבן עס נישט געברענגט אליין, נאר די וואלקענעס האבן עס געברענגט, האט עס נישט די חשיבות. און וועגן דעם איז מרומז אין די ווארט 'הנשיאים' ביידע, סיי אז די נשיאים האבן עס געברענגט, און אז די עננים האבן עס געברענגט, ווייל די עננים האבן עס געברענגט פאר די נשיאים, וועגן דעם איז הנשאים חסד יו"ד. און דאס קומט צו לערנען, אז די חשיבות פון א מצוה איז ווען מען מוטשעט זיך דערויף, און פון דעסטוועגן דאך געבט מען עס אוועק פארן אייבערשטען'ס וועגן, דאס האט א חשיבות.

**א** בר מצוה בחור גייט אריין לעול המצות, ער איז מקבל אויף זיך אלע מצות התורה, דארף מען וויסען, אז די חשיבות פון א מצוה איז דער חלק העול. ווען עס קומט אן גרינג צו לערנען און צו דאווענען, און צו טון מצוות און מעשים טובים, ווי גרינגער עס קומט אן, איז די מצוה א שוואכערע מצוה. ווען מען איז מקבל אויף זיך א עול, מיט א שווערקייט, ער נעמט אויף זיך, ווי א יאך אויף זיין האלדז, אז ער גייט טון דעם עבודת ה', דאס האט א חשיבות.

*

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג **רבי שאול שמחה פריעדמאן שליט"א** רב דקהל שמן למנחה (לעיקוואד, חתן כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א), עב"ג בן **הגה"צ רבי אהרן שלמה חיים אליעזר**

**ראבינאוויטש שליט"א** האדמו"ר מביאלא (ב"פ), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה יוסף גלויבער** הי"ו (חתן הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו), עב"ג בן הר"ר **אלי' פישער** הי"ו (בן הרה"ג רבי **מנחם פישער** שליט"א דומ"ץ דקהלתנו במאנסי). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת ויקהל - פקודי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **פנחס רובין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך אין די פרשה האט משה רבינו איבערגעגעבן פאר יודען די ציווי פונעם אייבערשטען, אז מען זאל בויען א משכן, און מען זאל נעמען פון יודען תרומות, וואס עס פעלט אויס אויפצושטעלן די משכן. ויאמר משה אל כל עדת בני ישראל לאמור, זה הדבר אשר צוה ה' לאמור, קחו מאתכם תרומה לה', נעמט'ס פון ענק א תרומה פארן אייבערשטען, כל נדיב לבו, ווער עס האט א נדיב לב, יביאה את תרומת ה', זאל ברענגען די תרומה פונעם אייבערשטען, זהב וכסף ונחושת (שמות לה-ד). און די תורה פארציילט נאכדעם, אז אזוי איז געווען, ויבאו כל איש אשר נשאו לבו, וכל אשר נדבה רוחו אותו, הביאו את תרומת ה' למלאכת אהל מועד (שם לה-כא). אלע וואס האבען געהאט א נדיבת הלב, האבען געברענגט די תרומות פונעם אייבערשטען, פאר די מלאכת אהל מועד.

**די** לשון 'זה הדבר אשר צוה ה', געפונט מען אויך אנהייב פרשת שמיני (ויקרא ט-ו), משה רבינו האט געזאגט, זה הדבר אשר צוה ה'. און דארט ברענגט צו דער **אור החיים הק'** א מדרש (במדב"ר יב-ח), אז 'זה הדבר' גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, ווייל אין פסוק (יהושע ה-ד) שטייט, זה הדבר אשר מל יהושע. און אזוי אויך די פסוק פון זה הדבר אשר צוה ה', גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה. און דער **אור החיים הק'** פלאגט זיך, וואס עס איז די שייכות פונעם יום השמיני וואס מען האט אויפגעשטעלט די משכן, אז ער האט צוגעשטעלט דערצו די מצוה פון מילה. דא שטייט אויך די זעלבע לשון, זה הדבר אשר צוה ה', איז דא אויך דא א רמז אויף די מצוה פון מילה.

**עס** קען זיין, עס שטייט פונעם **חיד"א**, אויפן פסוק כל איש אשר נשאו לבו וכל אשר נדבה רוחו אותו הביאו את תרומת ה', זאגט דער **חיד"א**, אז א מענטש זאל אוועקגעבן געלט פאר א צוווייטען, קומט נישט אן אזוי גרינג. די גמרא (ברכות סא.) זאגט, יש לך אדם שממונו חביב עליו יותר מגופו, עס איז שווער אוועקצוגעבן דעם גוף פאר יענעם, און עס איז דא מענטשען וואס ממונם איז ביי אים מער חביב פון זיין גוף. ווען ער דארף אוועקגעבען זיין פארמעגן פארן אייבערשטען, איז עס פאר אים א געוויסע מסירת נפש. ער האט זיך געפלאגט פאר דעם געלט, און ער האט געארבעט דערויף, און נאכדעם נעמט ער עס, און ער געבט עס אוועק פאר א אנדערן, און ער איז נישט נהנה דערפון.

**אבער** עס איז דא אסאך מאל, וואס א מענטש האט יא א התעוררות צו געבן פאר א געוויסען ענין א גרעסערע נתינה, אבער פון ווען ער האט געהאט די גוטע מחשבה עס צו געבן, ביז ער איז עס מוציא מן הכח אל הפועל, און עס טאקע געבן, רעכענט ער זיך איבער, און ער פארלירט די מוט וואס ער האט געהאט פאר דעם, און ער פירט נישט אויס, צו געבן וואס ער האט געוואלט געבן.

**ביי** די נדבת המשכן איז נישט געווען אזוי. בשעת מען האט פארגעלייגט, אז מען וויל בויען א משכן פארן אייבערשטען, האט יעדער יוד אינזין געהאט, אז ער וויל האבען א חלק אין די משכן ה'. און עס האט זיך ביי קיינעם נישט געמאכט, אז שפעטער ווען עס איז געקומען אז ער האט עס גאדארפט מוציא זיין מן הכח אל הפועל, אז ער זאל נישט אויספירן זיין נדיבת הלב בשלימות. וויפיל ער האט מנדב געווען, אזויפיל האט ער געברענגט.

**זאגט** דער פסוק, ויבאו כל איש אשר נשאו לבו, וכל אשר נדבה רוחו אותו, הביאו את תרומת ה' למלאכת אהל מועד, וויפיל נדיבת לב ער האט געהאט, וויפיל כסף וזהב ער האט זיך פארגענומען אז ער גייט געבן, אזויפיל האט ער געברענגט. ער האט נישט שפעטער צוריקגעצויגען, פון די גוטע מחשבה וואס ער האט געהאט.

**איך** מיין אז עס שטייט פון **רבי מאיר שפירא זצ"ל**, אז די גמרא (סוטה לו:) זאגט, אז ביי קריעת ים סוף איז מען געשטאנען פארן ים, און מען האט זיך געקריגט ווער עס זאל אריינגיין קודם אינעם ים. דער שבט האט געזאגט, איך גיי קודם, און דער שבט האט געזאגט, איך גיי קודם, אזוי האלט רבי מאיר. רבי יהודא זאגט, לא כך היה המעשה, די מעשה איז נישט געווען אזוי, די מעשה איז געווען אנדערש. זאגט **רבי מאיר שפירא**, ווען מען האט געזאגט, אז מען דארף אריינשפרינגען אין ים, ווייל דער אייבערשטער הייסט, דבר אל בני ישראל ויסעו (שמות יד-טו), האט יעדער געזאגט, איך גיי שפרינגען דער ערשטער. אבער 'לא כך היה המעשה', ווען עס איז געקומען למעשה, איז שוין נישט יעדער איינער געשפרינגען דער ערשטער. ווען מען האט גערעדט אז מען גייט טון, דעמאלטס האט יעדער א גוטע רצון, און מען וויל טון. אבער ווען עס קומט בפועל, ווען מען דארף עס אויספירן, דעמאלטס איז לא כך היה המעשה, איז נישט פונקט אזוי געווען, ווי מען האט געזאגט פאר דעם. - אבער דא ביים משכן, כל אשר נדבה רוחו, וויפיל א מענטש האט מנדב געווען, אזויפיל האט ער געברענגט.

**פון** ווי ליגט די כח אין א יוד, אז ער זאל אוועקגעבן זיין געלט פארן אייבערשטען, און עס זאל נישט אפגעקילט ווערן זיין נדבת הלב, וואס ער האט געהאט פאר דעם. קען זיין, אז דאס נעמט זיך פון מצות מילה. ווען מען איז מחנך א קינד אין די מצוה פון מילה, טוט מען פארגיסען זיין בלוט פארן אייבערשטען, און דמים תרתי משמע (עיין מגילה יד.), דאס פארמעגן פון א מענטש איז אויך חביב עליו כגופו, אדער יותר מגופו. און דורך די מצוה פון מילה ברענגט מען אריין א קדושה אינעם קינד, אז ווען מען וועט אמאל דארפן אוועקגעבן פון זיך פארן אייבערשטען, זאל מען עס קענען אוועקגעבן. עס איז נוגע צו זיין נפש, עס איז נוגע צו זיין געלט, עס איז נוגע צו זיינע תאוות, אז אלעס זאל ער קענען אוועקגעבן פארן אייבערשטען.

**משה** רבינו האט זיי מצווה געווען אויפן נדבת המשכן, און די נדבת המשכן דארף זיין מיט א ריין הארץ, אז עס זאל קענען חל זיין דערויף די קדושה פונעם משכן. ויאמר משה אל כל עדת ישראל לאמור, זה הדבר אשר צוה ה', קודם זאל מען מקיים זיין די מצוה פון מילה, און דורך דעם וואס מען איז מקיים די מצוה פון מילה, באקומט מען די כח אז מען זאל קענען פארגיסען זיין דם פארן אייבערשטען, וועט מען קענען נאכדעם מקיים זיין וואס איך וועל בעטן שפעטער. קודם קחו 'מאתכם' תרומה לה', פון דעם גוף אליין נעמט א תרומה פארן אייבערשטען. דאס וואס א יוד מל'ט זיך, דאס איז תרומה וואס א יוד געבט אוועק פון זיין גוף פארן רבונו של עולם. אויב עס וועט זיין אזוי, איז כל נדיב לבו, וויפיל נדיבת הלב ער וועט האבען, וויפיל א מענטש וועט מנדב זיין, יביאה את תרומת ה', וועט ער עס קענען אויספירן, און ברענגען וויפיל ער האט מנדב געווען פארן תרומת ה'.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הרב **חיים דוב ווייסבערג** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **יהודא דאנציגער** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת ויקהל - פקודי</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **טובי' ליכטמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**אלה** פקודי המשכן משכן העדות, אשר פקד על פי משה (שמות לח-כא). פ'קודי ה'משכן איז די ראשי תיבות פ"ה, אזוי ווי די גימטריא פון מיל"ה. פארוואס איז מרומז דא ביי אלה פקודי המשכן, די ענין פון מצות מילה.

**עס** שטייט אין **אוהב ישראל** (בפרשתנו), אז די גמרא (תענית ח:) זאגט, אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין, א דבר וואס איז שקול אדער מנוי אדער מדוד, א זאך וואס מען האט אפגעציילט, און מען ווייסט שוין פונקטליך וויפיל עס איז, איז היפוך דרך הטבע אז עס זאל שולט זיין דערין א ברכה. ווילאנג א מענטש ווייסט נישט וויפיל ער האט פארדינט, ער האט נאכנישט אפגעציילט די געלט וכדומה. ער האט געשניטען די תבואה פונעם פעלד, און ער האט נאכנישט געמאכט א חשבון וויפיל עס איז אריינגעקומען, שטייט אין די גמרא (שם) אן עקסטערע תפלה וואס מען איז מתפלל, אז דער אייבערשטער זאל אריינשיקן א ברכה בכרי הזה. אפילו עס איז שוין אפגעשניטען, און עס איז נישט שייך אז עס זאל צוקומען א ברכה, אבער ווילאנג עס איז נאכנישט מדוד, קען אריינקומען א ברכה.

**עס** שטייט אין מדרש, אז אין די נדבת המשכן איז אריינגעקומען א ברכה. פרעגט דער **אוהב ישראל**, משה רבינו האט געמאכט א חשבון פונקטליך וויפיל כסף און זהב ונחושת עס איז דא, איז עס דאך געווען א דבר המדוד. ווי אזוי איז אריינגעקומען די ברכה. זאגט דער **אוהב ישראל**, אז עס מוז זיין, אז משה רבינו מיט זיין צדקות האט געקענט אריינברענגען א ברכה אפילו אין א זאך וואס איז געווען אפגעציילט. זאגט דער **אוהב ישראל**, 'אלה פקודי המשכן', אז מען האט געציילט די פקודי המשכן, ווער דאך נישט קענען אריינקומען א ברכה דערין. 'אשר פקד על פי משה', אז משה רבינו האט געציילט, קען אריינקומען א ברכה.

**דער קדושת יום טוב** (שבה"ג מט:) ברענגט צו דעם **אוהב ישראל**, און ער גיבט צו, אז עס שטייט אין **ישמח משה** (פ' תולדות) אז דאס וואס עס קען נישט אריינקומען א ברכה בדבר המדוד, איז נאר ווען עס קומט פון די שמות וואס זענען פארבינדען מיט דרכי הטבע, ווייל אין טבע קען נישט אריינקומען א ברכה. אבער א ברכה וואס קומט פון שם הוי"ה, קען זיין אפילו אין א זאך וואס איז מדוד. ווייל די שם הוי"ה, ווייזט אז דער באשעפער איז מהויה כל הויות, און אויב דער באשעפער האט געקענט באשאפען א וועלט יש מאין, קען אויך אריינקומען א ברכה אין א זאך וואס איז מדוד. און דער **ישמח משה** טייטשט דעם פסוק (בראשית כו-יב) ויזרע יצחק בארץ ההוא, וימצא בשנה ההוא מאה שערים, עס איז געווען הונדערט מאל מער פון וויפיל מען האט עס אפגעשאצט, ויברכהו ה'. ווי אזוי קען זיין, אז בדבר המדוד זאל אריינקומען א ברכה. ויברכהו הוי"ה, עס איז געווען דורכן שם הוי"ה, קען אריינקומען א ברכה אזוי אויך.

**זאגט** דער **קדושת יום טוב**, משה רבינו וואס איז שטענדיג געווען דבוק אינעם אייבערשטען, האט געהאט דעם כח, אז ער זאל קענען ממשיך זיין א ברכה פונעם שם הוי"ה, ממילא האט אויך געקענט אריינקומען א ברכה אין די פקודי המשכן. אלה פקודי המשכן וגו' אשר פקד על פי משה, אז עס איז משה, איז דא די ברכה פונעם שם הוי"ה אין די פקודי המשכן.

**מען** קען צוגעבן דערצו, אז עס קען זיין, אז עס שטייט אין זוהר הק' (תיקון כב סז.) אז ווען מען מל'ט א קינד, ווערט נתגלה אויף אים דער שם שד"י מלבר און דער שם הוי"ה מלגאו. און אז דער זוהר הק' זאגט, אז עס ווערט דעמאלטס נתגלה די רשימה פונעם שם הוי"ה, איז דורך מצות מילה האט א מענטש דעם כח אז ער זאל קענען ממשיך זיין, אז ווען ער וועט דארפן אמאל א ברכה וואס איז בדבר המדוד, זאל קענען אריינקומען די ברכה.

**'אלה** פקודי המשכן', אז עס איז געווען פקודי המשכן, ווי אזוי האט געקענט אריינקומען די ברכה, איז דער תירוץ ווייל עס איז געווען 'אשר פקד על פי משה', משה רבינו וואס איז געווען דבוק אין שם הוי"ה, האט געקענט אריינברענגען די ברכה. איז 'פקודי המשכן' די ראשי תיבות מיל"ה, ווייל דורך מצות מילה ווערט נתגלה אויף א יוד דעם שם

הוי"ה, און דאס איז דער כח, אז מען זאל קענען אריינברענגען א ברכה אפילו אין חוץ לדרך הטבע.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **הערש אלימלך שפארן** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **אליעזר דוד נאגעל** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם ווילחאוויץ. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו (וומסב"ג, בן הר"ר **שלום ווייס** הי"ו, אסטראליע), עב"ג בן הר"ר **הערשל לאווי** הי"ו (מאנטריאל), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת ויקהל - פקודי</u>***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית ביחד עם ילדי התלמוד תורה דוויליאמסבורג, אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, לרגל היארצייט של **הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע**. אחר דברי פתיחה של המנהל הרב רבי **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א, ודברי ברכה של המלמד הרב רבי **משה מרדכי קריינדלער** שליט"א, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, וחילק מזונות לכל התלמידים.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**איך** האב געהאט א געוואלדיגע הנאה צו דאווענען היינט מיט די בחורים און די קינדער. מען האט אזוי שיין געדאווענט, וואס איז פאסיג טאקע אין טאג פון די יארצייט פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע. מען ווייסט אז ביי חסידים איז תפלה געשטאנען די העכסטע אין עבודת ה'. תורה איז זייער חשוב, אבער אין די דורות האחרונים האט מען מער אכט געגעבן אויף תפלה. דוד המלך זאגט אין תהלים (קב-יח) פנה אל תפלת הערער, ולא בזה את תפלתם, תכתב זאת לדור אחרון, זאגט דער מדרש (ילקוט תהלים תתנה) אז דאס גייט ארויף אויף דעם דור אחרון, פאר משיח וועט קומען, דעמאלטס וועט זיין ולא בזה את תפלתם. דעמאלטס וועט זיין זייער וויכטיג תפלה, עס וועט נישט זיין א כהן, און עס וועט נישט זיין א נביא, און עס וועט נישט זיין א בית המקדש, עס וועט נאר זיין תפלה, וואס א יוד איז זיך מדבק צום אייבערשטען בשעת ער דאווענט. עס איז א געוואלדיגע חשיבות יעדע הוספה וואס א יוד קען צוגעבן אין תפלה. צו דאווענען מיט מער כוונה, און בקול רם וואס איז מעורר הכוונה.

*

**מען** האט פריער גערעדט וועגן פירוש המילות, אז מען דארף פארשטיין וואס מען דאווענט. ווען איך בין געווען א בחור אין ישיבה, האט איינער פון די בחורים געמאכט א קבוצה צו לערנען פירוש המילות, יעדן טאג ביי לאנטש, פינף צען מינוט. מען איז אדורכגעגאנגען איין קאפיטל פונעם דאווענען, און פשוט אפגעזאגט די טייטש, אז יעדער זאל זעהן ביי זיך, צו ער קען די טייטש צו נישט. איך האב נישט אנטייל גענומען, ווייל איך האב געמיינט אז איך קען טייטש, און איך דארף נישט לערנען פירוש המילות.

**איינמאל** פרעגט מיך דער וואס האט עס אנגעפירט, פארוואס איך קום נישט אריין צו די פאר מינוט וואס מען לערנט פירוש המילות. זאג איך אים, ווייל איך קען פירוש המילות, און איך דארף עס נישט לערנען. פרעגט ער מיך, וואס איז טייטש 'הודו על ארץ ושמים' (תהלים קמח-יג). זאג איך אים, 'הודו' די לויב פונעם אייבערטען, איז 'על ארץ ושמים'. זאגט ער מיר, ניין, נישט דאס איז די טייטש פון הודו על ארץ ושמים. נאר 'הודו' איז טייטש דער פראכט. 'הודו' האט צוויי טייטשען. האב איך געזען אז איך קען אויך נישט, האב איך אנגעהויבען אריינצוגיין יעדן טאג, און איבערגיין די גאנצע תפלה, אז מען זאל פארשטיין פירוש המילות.

*

**עס** איז היינט די יארצייט פונעם הייליגען **רבי ר' אלימלך זי"ע**, דער **רבי ר' אלימלך זי"ע** האט געהאט א זון **רבי אלעזר**, וואס האט געמאכט א ספר **אורח לצדיק**, און ער שרייבט דארט (פרשת תזריע), אז זיין

פאטער, דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** פלעגט צו זאגען פאר די תלמידים, הלואי זאל ענקער נשמה לייכטן, אזוי ווי מיין גוף לייכט. ענקער נשמה וואס איז א חלק אלו-ה ממעל, זאל אזוי לייכטען ווי מיין גוף לייכט.

**עס** איז אויסגעקומען אמאל, אז לאחר פטירתו זענען געזעסן די חסידים, און מען האט גערעדט פונעם הייליגען **רבי ר' אלימלך**. און דער **רבי ר' אלימלך** האט זיך מגלה געווען פאר זיי, און ער האט זיי געזאגט, 'רעדט'ס נישט פון די אותות ומופתים וואס מען האט געזען ביי מיר, נאר רעדטס פון מיין עבודה, ווי אזוי איך האב געדינט דעם אייבערשטען. ווי אזוי איך בין צוגעקומען צו אזא הויכע מדריגה, אז איך האב מיר צובראכען דעם גאנצן גוף אויף שברי שברים פארן אייבערשטען'ס וועגן'.

**און** דאס איז די עבודה פון בחורים און קינדער. ליגען אין עבודת ה', און טון וואס דער אייבערשטער פארלאנגט. ווען עס קומט אן גרינג, איז נישט קיין קונץ. יעדער איינער וויל זיין וואויל און פיין, אויב עס קומט אים אן גרינג. די עבודה פון א מענטש איז, ווען עס קומט אים אן שווער. ער דארף זיך פלאגען דערויף, און זיך אוועקרייסען פון וואס ער איז צוגעוואוינט, און פון דעסטוועגען דאך נעמט ער אויף זיך צו דינען דעם אייבערשטען, דאס האט א חשיבות. דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** האט געזאגט, אז ער האט צובראכען זיין גוף אויף שברי שברים, און נאכדעם האט דער גוף אנגעהויבען צו לייכטען.

*

**דער** הייליגער **רבי ר' אלימלך** מיטן **רבי ר' זושא** פלעגן ארומצוגיין גלות ליידען. מען זאגט אזוי גרינג גלות ליידען, אבער אמאליגע צייטען האט דאס געמיינט, איבער צולאזען די שטוב, און גיין פון איין שטאט צו די אנדערע שטאט. ווי מען האט געגעסן איין סעודה, האט מען נישט געגעסן די צווייטע סעודה. מען האט נישט מיטגענומען מיט זיך א פעקל, צו עסן אויפן וועג. דא האט מען געטראפען אביסל פירות, און דא האט מען געטראפען אביסל ברויט. ווי מען איז געשלאפען איין נאכט, איז מען נישט געשלאפען די צווייטע נאכט. דא איז מען געשלאפען אין בית המדרש, און דא איז מען געשלאפען אויף א באנק, און אזוי האבען זיי זיך צובראכען זייער גוף פאר עבודת ה'. מען וואקסט נישט אויס א **רבי ר' אלימלך** פון עסן סטע"ק און אנדערע גוטע מאכלים, נישט פון דעם איז ער אזוי אויסגעוואקסען. מען האט זיך אפגעשיידט פון אלע תאוות עולם הזה, און מען האט געדינט דעם אייבערשטען, פון דעם איז ער אזוי אויסגעוואקסען. און דאס איז אונזער עבודה, נאכצוטון און גיין אין די וועגן פון א צדיק. ווען מען הערט א שיינע מעשה פון א צדיק, איז נישט די שיינע מעשה, די מופת וואס ער האט געטון, נאר מען דארף זיך מתבונן זיין, צו וואס פאר א מדריגה א יוד קען צוקומען. אז מען קען דערהויבען ווערן צו אזא מדריגה וואס זיי זענען געווען, כמעט דומה צו מלאכי ה' צבאו'ת.

**ווען** עס קומט דער טאג פון די יארצייט פונעם הייליגען **רבי ר' אלימלך**, איז אן ענין אז יעדער זאל אדורכלערנען נאכאמאל דעם צעטל קטן. און נישט נאר אדורכלערנען, נאר טראכטען ביי זיך, וואס קען איך אראפנעמען פון דעם. כאטש איין געוויסע מידה, וואס מיט דעם וועל איך זיך פירען, פון יעצט און ווייטער. ווען א מענטש וויל, איז בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו (מכות י:), אין דעם וועג וואס מען וויל גיין, פירט דער אייבערשטער אז מען האט סייעתא דשמיא, אז מען זאל עס קענען מוציא זיין מן הכח אל הפועל.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז דער זכות פונעם הייליגען **רבי ר' אלימלך** זאל מגין זיין אויפן גאנצן כלל ישראל, מה כאן עומד ומשמש, אף התם עומד ומשמש (עיין סוטה יג:), אזוי ווי דא אויף דער וועלט האט ער געפועל'ט אזויפיל ישועות פאר יודישע קינדער, די זעלבע איז דא היינט, גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם (חולין ז:), הונדערטער יודען זענען געפארן, און זענען מתפלל אויף זיין קבר אויף ישועות, זאלן די אלע תפלות וואס יודישע קינדער בעטן אנגענומען ווערן. מיר זענען טאקע נישט דארט, מיר זענען דא, אבער ווי מען האט פריער געהערט, אז מען איז זיך מדבק אין זיין תורה, מען איז זיך מדבק אין זיין ספר, און מען לערנט פון זיין תורה, האט מען אויך א שייכות צו דעם צדיק.

**איך** האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז ער איז געווען אין ארץ ישראל, נאך פאר די קריג, און דער תנא רבי עקיבא ליגט אין טבריה, הויך אויף א בארג. היינט איז שוין דא וועגן, אז מען קען צופארן מיט א קאר ביז אהין, אבער דעמאלטס, אכציג נייינציג יאר צוריק, איז נישט געווען א וועג, אז מען זאל קענען ארויפארן. און מען האט געדארפט ארויפקלעטערן די גאנצע בארג, ביז מען האט געקענט אנקומען צו די קבר פון רבי עקיבא. האט ער פארציילט, אז דעמאלטס בעפאר ער איז געווען דארט, איז דארט געווען דער **גערער רבי**, דער **אמרי אמת**, און ער האט געהאט גרויס השתוקקות אנצוקומען צום קבר פון רבי עקיבא. ער איז שוין געווען אן עלטערער יוד, און ער האט אנגעהויבען צו קלעטערן ארויפצוגיין אויף דעם בארג. אינמיטן בארג האט ער געשפירט, אז ער האט שוין נישט די כוחות, און ער קען נישט גיין ווייטער. האט ער זיך אנגערופן, 'וועלן מיר אהיימגיין, וועלן מיר טרעפן רבי עקיבא גרינגער ווי מיר טרעפן אים דא'. מען וועט אהיימגיין, און מען וועט נעמען א גמרא, און מען וועט לערנען די מימרות פון רבי עקיבא, וועט מען אים טרעפן גרינגער, ווי ארויפצוגיין דעם וועג.

**מען** מיינט אז מען דארף פארן, און דעמאלטס קען מען אנקומען צו א צדיק. מען קען אנקומען צו א צדיק דא אויך. ווען מען זיצט און מען לערנט זיין תורה, און מען גייט אין זיינע דרכים, האט מען א שייכות צו דעם צדיק. וועט אוודאי זיין זכות מגין זיין אויף אונז, אז מען זאל געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס מען דארף האבען. און מיר זאלן זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **שמשון גאטטעסמאן** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **אברהם וואלדיגער** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת הכתובה.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שמחה קארניאל** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **אהרן לברון** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת ויקהל - פקודי***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והיה הכהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **צבי זארגער** הי"ו (חתן הר"ר **שמואל מאיר פשרהאפער** הי"ו, לעיקוואד). שהתקיים באולם בורשטין.

*

***שבת קודש פרשת ויקהל - פקודי***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים מהרה"ק **בעל חידושי הרי"ם זי"ע**, שיומא דהילולא חל בשבוע זו. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל האלברשטאם שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **זאב לאווי** הי"ו, חתן הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו.